Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 8 זייטען

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 55 | Łódź, Czwartek, 5 marca 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ט"ז אדר תרצ"א | № 55

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אלס פראטעסט געגען מאקדאנאלד'ס בריף

## האבען די אראבער פערשארפט זייער באיקאט-אקציע געגען יודען

ירושלים, 4 (ספ. טעל.) די פוילישע טעלע־גראפען־אגענטור מעלדעט אויס ירושלים, אז די אויפרעגונג צווישען די פאלעסטינער אראבער צוליב דעם בריף פון פרעמיער מאקדאנאלד צו פראפ־ ווייצמאן, וואקסט כסדר. אויף דער געכטיגער זי־צונג פון אראבישען עקזעקוטיוו איז אדורכגעפיהרט געווארען א גענויע דיסקוסיע איבער מאקדאנאלדס בריף. ס'איז אנגענומען געווארען א בעשלוס, וועל־כער שטעלט פעסט, אז ס'קען נישט זיין קיין רייד וועגען א פערשטענדיגונג מיט די ציוניסטען און מען דארף פערשארפען די באיקאט־אקציע. א צוויי־טע רעזאלוציע פאדערט אויף די אראבער צו אונ־טערשטיצען די אייגענע פראדוקציע און צו א סאלידארער אקציע געגען דעם אימפארט פון אויסלאנד.

## דערשטיקט און דערטרונקען א יודישען יונגערמאן

בענדין, 4 (יט"א טעלעפאניש). אין טייך איז געפונען געווארען דער קערפער פון 19־יעה־ריגען משה אהרן עדיגער, וועלכער איז דערשטיקט און דערטרונקען געווארען. די פאליציי־אויספאר־שונג האט פעסטגעשטעלט, אז דא איז אויסגעפיהרט געווארען א פארטייאישער פסק. די אויספיהרער זענען געווען 4 קאמוניסטען: בנימין גייפעלד, שמואל זילבערבערג, בנימין זאלצבערג און נח לאנ־דאו. זיי זענען אלע ארעסטירט.

## ערשטער אנטיסעמיטישער סקאנדאל אין „אדריא"

### יודישער זשורנאליסט ווערט בעליידיגט און רעאגירט מיט א הילכיגען פאטש

ווארשא, 4 (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט). אין נייעם קאפע „אדריא" איז היינט געקומען צום ערשטען אנטיסעמיטישען סקאנדאל, אויף די טרעפ, וואס פיהרט פון קאפע צום דאנ־סינג זענען ארויפגעגאנגען א דאמע מיט 2 יודישע יונגעלייט, צווישען זיי א יודישער זשורנאליסט, א פאלאק, וואס איז געזעסען נעבען א טישעל האט זיך אנגערופען:

— אומעטום זענען זיי די כאלאטשאזשעס.

— מיינט איהר דאס מיך, האט געפרעגט דער זשורנאליסט.

— אייך אויך, איז געווען דער ענטפער.

דער זשורנאליסט האט דעריבער רעאגירט מיט א שטארקען פאטש, ס'איז ענטשטאנען א גרויסער טומעל און א געשלעג, וועלכער איז ליקווידירט געווארען דורך דער פאליציי.

## מאשין=מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע ווי אויך מצה=מעהל, אייער=פערפעל און סוכארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזער גוט-בע־קאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל בעוואוסטער צוקערביע

### ב. וויינבערג

38 פיעטריקאווער 38 :-: טעל 143-82 :-:

## Dr. med. J. M. BARCINSKI

רענטגען=אינסטיטוט

הייל-בעהאנדלונג פון בייזע געשווילעכצען (ראק) רענטגען- און פאטאגראפיעס-דורכלייכטונגען אויפ'ן ארט און אין די וואוינונגען פון די קראנקע.

אויפנאהמס-שעה'ן פון 5–8 אווענד.

.11 ליסטאפאד 20, טעל. 214-50

## געזעלשאפט „אוונט - קורסן" אפטיילונג לאדזש

שבת, דעם 7-טען ה. ח. 10 א זייגער פריה קומט פאר אין זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

### א פארלעזונג פון ח' זרובבל

— אויף דאס טעמא: —

### „פאספילד, ווייס-בוך און מאקדאנאלד'ס פירוש"

בילעטען פון 75 גר. ביז 1.50 זל. צו בעקומען אין בראכאוו-ביב־ליאטעק זאכאדניע 63, אין לאקאל פון דער געזעלשאפט בזשעזשינער 5, און אין טאג פון דער פארלעזונג ביי דער קאסע.

1541

## וואהל=קאמיטעט

### פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צו די קהלה=וואהלען

פאדערט אויף אלע פערזאנען, וועלכע האבען געזאמעלט דעקלאראציעס צו די קהלה-וואהלען

### אריינצוטראגען היינט איז משך פון טאג

די דעקלאראציעס אין ציוניסטישען ביורא, צעגעלניאנא 4.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דעם חבר

### יונתן קארפעל

צוליב'ן טויט פון זיין פרוי ח'טע

## ראכעל

אין קאמף פאר אונזערע אידעאלן זאלסטו א טרייסט געפונען.

לאדזער קאמיטעט פון דער יודישער ארבייטער=פארטיי „פועלי=ציון"

פערוואלטונג פון פראפ. ארב.=פאריין פון פלייש=אינדוסטרי, בזשעזשינער 5

1549

מיר בעטייליגען זיך אין אייער צער ח'

### יונתן קארפעל

צוליב'ן טויט פון אייער פרוי ח'טע

## ראכעל

אין קאמף פאר'ן פועלי-ציוניזם זאלסטו א טרייסט געפינען.

קעלבער=סעקציע ביים פליישער-ארבייטער-פעראיין

קישקען-ארבייטער אין שטאטישען שכבט-הויז

קישקען-ארבייט אין באלוטער שכבט הויז

ראט פון די פראפעסיאנעלע ארבעטער-פאריינען אין לאדזש.

### אכטונג ארבעטסלאזע!

די מיטגלידער פון די פאריינען: פליישער, כעמישע, טראנספארט, פארמירער און צוקערוואארג רעגיסטרירען זיך אויף דער

### פסח=אקציע פון דער קהלה

אין לאקאל פון פליישער-ארבעטער-פאריין בזשע־זשינער 5 פון 5–10 אוונט.

די מיטגלידער פון די פאריינען: מעטאל, הויז-ווירטשאפט, באקלייד און האנדלס-אנגעשטעלטע אין לאקאל פון מעטאל-פאריין פעפער גאס 15 פון 1–10 פארמיטאג און פון 6–10 אוונט.

1550 עקזעקוטיווע.

# הזכרה.

היינט, דאנערשטאג, דעם 5-טען מערץ 1931 פינקטליך 12.30 בייטאג צום צווייטען יאהרצייט קומט פאר אין דער שוהל פון „אהבת חסד" פילסודסקיעגא 29 (ווסכאדניא) א הזכרה נאך אונזער אונפערגעסליכער מוטער

## בת' ח' ראקאווסקי

### (געב. גולדין)

צו וועלכער אלע קרובים און פריינד ווערען געבעטען צו קומען.

### די פאמיליע.

1544

# נ"ע חיים יונה ב"ר אלישע הלוי ז"ל גאלדוסט

### געוו. אינדוסטריעלער און הויז-בעזיצער פון פיעטריקאוו

### (געבוירען אין דזיאלאשיץ)

איז נאך לאנגע און שווערע ליידען געשטארבען אין עלטער פון 77 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, ט"ז אדר תרצ"א, 3 א זייגער נאכמיטאג פון טהרה-הויז, וועגען וואס עס טיילט מיט אין גרויס צער

### פרוי, טעכטער, זיהן, שניר'ס, איידעם און אייניקלעך.

